30 און די שליחים האָבן זיך פאַרזאַמלט בּיי ישוען;
און איִם דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן געטון,
31 און וואָס זיי האָבן געלערנט. און ער האָט צו זיי
געזאָגט: קומט איר אַליין אויף אַן איינזאַם אָרט,
און רוט זיך אַביסל אָפּ! וואָרום אַ סך זענען געקומען
און געגאַנגען, אַז זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין
32 צייט צו עסן. און זיי זענען אַוועק אינעם שיפל צו
33 אַן איינזאַם אָרט אַליין. און מען האָט זיי געזעען
אַוועקפאָרן, און אַ סך האָבן זיי דערקענט, און
זענען אַהינגעקומען צולויפן צופוס פון אַלע שטעט
34 פאָרויס פאַר זיי. און ווען ישוע איז אויסגעשטיגן,
האָט ער געזעען אַ גרויסן עולם מענטשן, און
האָט געהאַט אויף זיי גרויס רחמנות, ווייל זיי
זענען געווען ווי שאָף, וואָס האָבן נישט קיין פּאַסטוך;
35 און ער האָט אָנגעהויבן זיי אַ סך צו לערנען. און
ווען עס איז שוין געוואָרן אַ שפּעטע שעה, זענען
זיינע תלמידים צוגעקומען צו איִם, און האָבן געזאָגט:
דאָס איז אַ מדבּריותדיק אָרט, און די שעה איז
36 שוין שפּעט; לאָז זיי אָפּ, כּדי זיי זאָלן גיין אין
דער אַרומיקער געגנט און דערפער, און זיך קויפן
37 עפּעס צו עסן. ער אָבער האָט ענטפערנדיק צו
זיי געזאָגט: גיט איר זיי צו עסן! און זיי האָבן
צו איִם געזאָגט: זאָלן מיר גיין איינקויפן ברויט
פאַר צוויי הונדערט דינרים, און זיי געבן צו עסן?
38 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: וויפל ברויט האָט
איר? גייט און זעט. און דערוויסנדיק זיך, האָבן
39 זיי געזאָגט: פינף, און צוויי פיש. און ער האָט
זיי באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך אַנידערזעצן חברותאַ־
40 ווייז אויפן גרינעם גראָז. און זיי האָבן זיך אַנידער־
געזעצט אין שורות, צו הונדערט, און צו פופציק.
41 און ער האָט גענומען די פינף ברויט און די צוויי